ס. ר. ר. ז.

פאלקס=קאמיסאריאט פאר בילדונג.

יידישע גראמאטיק

קאנספעקט פון לעקציעס,

געלייענט

פאר מינסקער לערער

מארט 1921

פון ז. קאלמאנאוויטש.

מרוכז=פארלאג פון ווייסרוסלאנד.

מינסק 1922 יאר.

ס. ר. ר. וו.

פאלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג.

יידישע גראַמאַטיק

קאָנספּעקט פון לעקציעס

געלייענט

פאַר מינסקער לערער

מאַרט 1921

פון ז. קאַלמאַנאָוויטש.

מלוכע-פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד

מינסק, 1921 יאָר.

אריינפיר.

1. אפשטאמונג פון דער יידישער שפראך און אירע דיאלעקטן.

1. די יידישע שפראך האט זיך זעלבשטענדיג ארויסאנט-וויקלט פון א מיטל-הויכדייטשן דיאלעקט אדער פון א געמיש פון עטליכע מה״ד דיאלעקטן. גענוי צו לאקאליזירן די דאזיקע דיאלעקטן האט זיך ביז=אצט נאך ניט איינגעגעבן; לפי-ערך מעג מען אננעמען די געגנט צווישן מיטלסטן ריין און דער דונוי. אין דער יידישער סוויווע, וואו עס האט געהערשט די שפראך פון רעליגיע און ליטעראטור, די העברעיש=אראמישע שפראך, זיינען צום דייטשן גרונט=עלעמענט צוגעקומען מאסנהאפ-טיג ווערטער און אויסדרוקן פון טאנאך, טאלמוד, ראבאנישער ליטעראטור און פון דאוונען, און די דאזיגע עלעמענטן האבן, אינאיינעם מיט געהעריגע קלאנג-אומבייטן פון די דייטשע עלע-מענטן, געשאפן דעם ספעציפישן כאראקטער פון דער יידישער שפראך. די העברעאישע און אראמישע שפראכן האבן אבער ניט נאר געגעבן לעקסיקאלישן מאטעריאל נייערט זיי האבן אויך אין א שטארקער מאס געווירקט אויף איר סינטאקטישן אויפבוי און געהאלפן אויסבילדן איר פראזעאלאגיע. דער צייט-פונקט, ווען יידן אין דייטשלאנד האבן אנגעהויבן צו רעדן יידיש, אנשטאט

זייער פריהערדיגן דייטש, אָדער גענויער, ווען עס איז קלאָר
געוואָרן פאַר זיי גופא און פאַר זייערע שכינים, אז זיי רעדן ניט
פּאָשעט דייטש, נאָר יידיש-דייטש, לאָזט זיך ניט, נאַטירליך,
גענוי באשטימען. גיכער פון אַלץ איז דאָס קלאָר געוואָרן
אין פאַרשיידענע ערטער צו פאַרשיידענע צייטן. נאָר אויפן סע-
מאַך פון ליטעראַרישע מקורים, מעג מען אָננעמען, אז צום סאָף
15-טן—אנהויב 16-טן יאָהר איז יידיש שוין פאַרטיג, ווי א
זעלבשטענדיגע שפּראַך-אויסבילדונג. פאַרשטייט זיך, אז דער-
מיט איז די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך אַפילע אין די לענדער
פון דער דייטשער קולטור נאָך ניט פאַרענדיגט, זי פירט נאָך א
נאָרמאַל לעבן ביז דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאָרה., ד. ה.:
ביז דער מענדעלסאָנישער טקופע, און אין איניגע געגנטן לעבט
זי נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָהר. נאָר באַזונ-
דערס שטאַרק וואַקסט יידיש און פאַרשפּרייט זיך אין די סלאַ-
ווישע לענדער: טשעכיע, אונגאַרן, און דער עיקער, פּוילן, אוק-
ריינע, רייסן און ליטע, צוגלייך מיט דער אויסשפּרייטונג און
פאַרגרעסערונג פונ'ם יידישן ישוב אין די דאָזיגע לענדער.
דאָרט נעמט יידיש אויך אַריין, אסימילירט אין זיך א היפּשן
סכום עלעמענטן פון די אָרטיגע שפּראַך, דער איקער, פּויליש,
אוקריינעיש און ווייסרוסיש; עס נעמט אויך אַריין שפּראַך-ביל-
דענדיגע פאָרמען פון די דאָזיקע שפּראַך. ערשט אַרום מיטן
פון 19-טן יאָרה, הויבט זיך אָן אויסצובילדן א מאָדערנע וועלט-
ליכע ליטעראַטור אין יידיש, און צום סאָף פון דאָזיקן יאָרהונ-
דערט ווערט שוין קלאָר זיין קיום און פעהיגקייט צו ווערן אן
עכטע ליטעראַטור און קולטור-שפּראַך.

2. יידיש ווערט איינגעשטעלט אין דריי הויפּט-דיאַלעקטן לויט דער געאָגראַפישער לאַגע פון די ישׂוּבֿים, וואו זיי ווערן גערעט. אין צאָפן ווערט גערעט דער ל י ט וו י ש ע ר דיאַלעקט, וואָס זיין דאָרעם-גרענעץ איז אַן ערך די דאָרעמדיגע גרענעץ-ליניע פון גראָדנער, מינסקער און טשערניגאָווער גוב. דער פּוילישער דיאַלעקט ווערט גערעט אין איצטיגן פּוילן. דער דאָרעמדיגער דיאַלעקט פאַרנעמט אוקריינע, בוקאָווינע, רומעניען, צום טיילן מיזראַך-גאַליציען. דער אונטערשייד צווישן די יידישע דיאַלעקטן באַשטייט דער איקער אינעם וואָקאַליזם. ראָהט, וואו אין ליטווישן דיאַלעקט ווערט אַרויסגערעט דער קלאַנג U, האָבן דער פּויל. און דאָרעם i, אין אַ סאַך פאַלן, וואו ליטוו. האָט o, האָבן פּ. און ד. u, אָנשטאָט ליטוו. ei (איי) קלינגט פּויל. ai (אַי), ליטוו. ai גיט ד. ā און נאָך אַנדערע. פאַראַן נאָך אין די דיאַלעקטן דיפערענצן אין דעם אַרויסריידן די סאָנאָר-קלאַנגען r און l און נאָך איניגע אַנדערע קאָנסאָנאַנטן. אויך אין דער פראַזעאָלאָגיע און אינעם לעקסיקאָן זיינען פאַראַן אונטערשיידן, וואָס שטאַמען אַרויס פון דער ווירקונג פון די אַרומיגע שכייניש שפּראַכן.

די אָנגערופענע דריי דיאַלעקטן זיינען פאַר זיך אויך ניט איינהייטליך; איטליכער פון זיי האָט זיך זיינע אונטער-דיאַלעקטן און אָרטיקע ריידענישן. די יידישע דיאַלעקטן-באַראַשונג שטייט ערשט באַם אָנהויב. די גרעסטע אַרבעט אויף דעם געביט איז ביז היינטיגן טאָג דאָס ווערק פון נ. פּרילוצקי „יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען“.

2) צו דער געשיכטע פון דער יידישער גראַמאַטיק.

סיסטעמאַטיש איז די יידישע שפּראַך נאָך ביז הייניגן טאָג ניט אויסגעפאָרשט און די מעטאָדע פון איר גראַמאַטיק זאָך ניט אויסגעאַרבעט, נאָר איינציגע אַרבעטן אויף דעם געביט זיינען שוין געמאַכט.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע אַרבעטן האָבן אָבער פאַר דער אידישער גראַמאַטיק נאָר א רעלאַטיווע ווערט, ווייל זיי זיינען בייעצעם אויסן אַנדערע צוועקן, ווי די פאָרשונג פון די יידישע שפּראַך-געזעצן. אַזוי, א שטייגער, איז זי די גרינטליכסטע אַרבעט אין דייטש אויפן געביט פון דער יידישער לינגוויסטיק Ave Lallement Das deutshe Gannertum א טייל פון אן אויספאָרשונג איבער דער גאַנאָווים-שפּראַך, און אַפילו יאַנקעוו גערצאָנס Jüdische Gramatik איז בלויז א ספּעציאַל-אַרבעט אפן געביט פון גערמאַניסטיק. אויספירליכע ידיעס וועגן אַלע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישע שפּראַך-פאָרשונג קען מען געפינען אין ב. באָראָכאָווס ביבליאָגראַפישן ווערק „די ביבליאָטייק פון יידישן פילאָלאָג“ אין „פּינקס“ תרע״ג, ווילנע. פון ז. רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך“ האָבן מיר ביז-אַיעצט נאָר דעם 1-טן טייל, די פאָנעטיק, די דאָזיגע אַרבעט גיט, עמעס, א גאַנץ היפּשן שפּראַכליכן מאַטעריאַל זי ליידט אָבער פון גרויסע מעטאָדאָלאָגישע פעלערן און איז פול און פיל מיט אַלגעמיין-לינגוויסטישע גרייזן.

---

3. שטאָף און מעטאָדע פון דער יידישער גראַמאַטיק.

די מאָדערנע לינגוויסטיק נעמט דעם מאַטעריאַל אַף אויסצובויען די גראַמאַטיק דער איקער פון דער לעבעדיגער גערעדטער שפּראַך. זי קלערט ניט אויס קיין כללים און ווייזט ניט אָן קיין „יוצא מן הכלל", נאָר זי זוכט זיך צוהערן צום שפּראַך-געברויך און אַרויסצוגעפינען אַף דעם סעמאַך די געזעצן פונם שפּראַך-לעבן.

זי באַטראַכט די שפּראַך ווי אַ שאַפונגס-פּראָדוקט פון קאָלעקטיוו און יאַכיד און שטרעבט אַרויסצוגעפינען די פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע אומשטאַנדן, וואָס באַדינגען די מענשלעכע שפּראַך-טעטיקייט. די לעבעדיגע שפּראַך ערשיינט פאַר אונז ניט ווי אַן איין פאַר אַלע מאָל אָפּגעשטעלטער סכום ווערטער, נאָר אַ „כמו" פון אַ לעבעדיגן אָרגאַניזם, וואָס אַנטוויקלט זיך קסיידער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מענשליכער קילטור ביכלאל. אַרויסצוגעפינען און באַשטימען די געזעצן פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג — דאָס איז די אויפגאַבע פון דער גראַמאַטיק, דעריבער נעמט די גראַמאַטיק איר שטאָף, כוץ פון דער איינפאַכער, טאָגטעגלעכער אומגאַנגס-שפּראַך, פונם פאָלקלאָר (פאָלקס-לידער, מייסעלאַך, ווערטלאַך וכדומה) און פון די ווערק פון גרויסע שריפטשטעלער, וואָס זייער שפּראַך ווערט באַטראַכט ווי דער העכסטער סינטעז פון פאָלקשאַפן אין דער געגעבענער טקופע. בנויגייע צו דער אידישער גראַמאַטיק, האָבן מיר אַן אויסגעצייכנטן מאַטעריאַל פאַר דער שפּראַך פון דער לעצט-פאַרגאַנגענער טקופע, באַזונדערס אין די ווערק פון מענדעלי

מוכר־ספרים און שלום־עליכם די שפּראַך־
פון די דאָזיקע שריפטשטעלער זייער גאַנצע מאַניר צו שרייבן
איז בעצעם נאָהענט צו דעם אויסדרוק־אויפן פון דער געוויינ־
לעכער פאָלקס־שפּראַך. זייער שפּראַך־געברויך קאָן אין גרעסטן
רעוו פאַלן אָנגענומען ווערן ווי אַ „חוק ולא יעבור" פאַר דער
גראַמאַטיק בנוגע צו די איבעריקע יידישע שריפטשטעלער,
סיי די וואָס פאַר זיי, סיי ביפראַט די שפּעטערדיגע, איז נויטיג
אַ גרויסע פאָרזיכטיקייט—זיי מוזן קאָנטראָלירט ווערן דורך
דער רייד־שפּראַך און דעם פאָלקלאָר. די סיבע דערפון איז די
האַסטיגע אַנטוויקלונג פון אידיש: געזעלשאַפטליכן לעבן אין
די לעצטע דריי צענדליק יאָר, וואָס האָט געמוזט אַריינברענגען
אין שפּראַך־געברויך אַ סאַך ניט אויסגעלייטערטע, ניט אפּגע־
שטאַנענע פרעמד־עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך שווער אָדער גאָר
ניט אַסימילירן מיט אונזערע געיאָרשנטע שפּראַך־אַפּערצעפּציעס.
פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער פאָלקלאָר געהערט צום
בעסטן שטאָף פאַר דער גראַמאַטיק.

ביים אָרדענען דעם שטאָף, וואָס מיר באַקומען פון די
אויבנדערמאָנטע מקורים, האַלטן מיר זיך ביי די מעטאָדן, וואָס זיי־
נען אויסגעאַרבעט דורך דער הינדאָ־גערמאַנישער לינגוויסטיק:
פאַרגלייכן מיט קרוווישע דיאַלעקטן, אויספאָרשן די פיזיאָלאָג־
ישע און פיזישע פּראָצעסן ביים קלאַנגען־אַרויסברייגנגען, די
פּסיכישע פּראָצעסן ביים אויסבילדן פאָרשטעלונגען, בילדער־
קאָמפּלעקסן, באַגריפן און אורטיילן. לאָגיק שפּילט אין דער
שפּראַך־אויסבילדונג בלויז אַ כאַפל ראָלע. מיר נעמען אין דער
גראַמאַטיק פאַר אַ שפּראַך־איינהייט דעם זאַץ—די פאַרבינדונג

פון פאָרשטעלונגען, און די ווייטערדיגע אַרבעט באַשטייט אין צונאַליזירן דעם זאַץ, צעגלידערן אים אויף ווערטער—איינצל פאָרשטעלונגען און דערגייען, צוריק, די וועגן און אויפֿנים, ווי אַזוי די איינציגע ווערטער ווערן פאַרבונדן צו זאַצן, דער אַנאַליז פונם וואָרט אויף קלאַנגען און די באַטראַכטונג פון אויספּראַ- כונג פון די פּסיכאָ-פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר ביים פּראַקטישן צונויפגיסן די קלאַנגען צו ווערטער און צו זאַצן, ווי קלאַנגען-קאָמפּלעקסן, געהערן צו דער סאָנעטיק, די פאָנעטיק ווערן בלויז היינטיקן טאָג אַריין, ווי א נויטווענדיגער באַשטאַנד- טייל, אין דער גראַמאַטיק, זי איז אָבער ביי עטלעכע אַן אַנדער- מין דיסציפּלין מיט אירע אייגענע מעטאָדן, זי איז מער א פיזיש- פיזיאָלאָגישע דיסציפּלין, און טייל פאָרשטייער אידענטיפיצירן זי גאָר מיט דער קלאַנגען-פיזיאָלאָגיע.

פון סאָף, אייניגע באַמערקונגען וועגן דער טערמינאָלאָגיע. ווי פאַר יעדער וויסנשאַפט, איז אויך פאַר דער גראַמאַטיק אַן איינהייטלעכע אויסגעהאַלטענע טערמינאָלאָגיע א נויטווענדיגקייט. דערווייל וועלן מיר באַנוצן אַל-פּי-ראָוו די לאַטייניש, און בלויז אין אייניקע פאַלן, וואו עס זיינען שוין פאַראַן מער-וויי- ניגער אָנגענומענע יידישע פאַך-אויסדרוקן, געברויכן, אָט די לעצטע. די לאַטיינישע טערמינאָלאָגיע האָט אין זיך די מעלה וואָס זי איז אינטערנאַציאָנאַל און גייט אריין אין דער אַלגע- מיינער לינגוויסטיק. דער גרעסטער כיסרון אירער אָבער פאַר אונז איז, וואָס זי טויג לייס-אַמע נאָך ניט פאַרן שול-געברויך. אַן אויסוועג איז פאַראַן, אז אויף די יינגערע מאַדרייגעס אין דער שול זאָל דער לערער בכלל אויסמיידן טערמינען, און

די העכערע מאַדרייגעס. אויב די לאַטיינישע טערמינען וועלן זיך ניט „קלעפּן", וועט ער פראַוויזאָריש לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד און געשמאַק שאַפן די געהעריקע יידישע טערמינען. שפעטער וועלן אַט די אלע פרואוון פון די איינציגע לערערס אָדער לערער-גרופּעס זיך לאָזן אויסגלייכן, פונקט ווי דאָס געשעהט [illegible] אין די איבעריגע לימודים פון אונזער שול.



1-טער הויפּט-טייל.

פאָנעטיק.

1. די שפּראַך, וואָס אונזער דאָר,—אַ דאָר פון לייצנער און שרייבער—נעמט איבער ביים פאָרהערגיגן דאָר, קומט צו אונז אויף צוויי וועגן, דורך צוויי פאַרשיידענע כּשם אין צוויי בּילדער־ריי: פון איין זייט, אַ סכום פון געהערטע קלאַנגען, פון דער אַנדער זייט—אַ ריי געשריבענע אָדער גע־דרוקטע צייכנס, וואָס מיר נעמען זיי אויף דורך אונזער [illegible]. די פאָרשטעלונגען, וואָס מיר נעמען אויף דורך דער שפּראַך, גייען דורך צי בריהער אָדער דורך געהער־אייפּנעמען (...) און געהער־בילדער אָדער דורך זעה־אויפנעמען און זעה־בילדער. דאָס נעמליכע האָבן מיר די פעהיגקייט אויסצודריקן אונזער שפּראַך־טעטיגקייט אָדער דורך באַוועגונגען פון דעם רייד־אַפּאַראַט און קלאַנגען אָדער דורך באַוועגונגען פון אונזער האַנט און צייכנס (אויס צעס). סיפּאַראַשטייט זיך, אַז דאָס פּרימערע אין דער שפּראַך זיינען די קלאַנגען—ריידן האָט די מענשהייט פריהער געקאָנט, ווי שרייבן, און דאָס נעמליכע איטליכער פון אונז. און אפילו איצטער, ווען מיר קאָנען שוין לייענען און שרייבן, גייט אויך דאָס נעמליכע אין געשריבענע ווערטער און אונז דורך דעם גע־הער־ווינג געליינגס: זעה־בילד (אויסיעס)—געהער־בילד (קלאַנג)—פאָרשטעלונג. געשריבן: פאָרשטעלונג—געהער־בילד (קלאַנג־פאָרשטעלונג) באַוועגונג (אויסיצס). דערויף, אַז אָט די צוויי.

ערליי שפראך-בילדער וועלן פארט בילדן אין אונזער שפראך-באוואוסטזיין און שפראך-שאפן איינהייט, האט די מענטשליכע קולטור אויסגעארבעט א מיטל — די אותיות-שריפט. די אותיות זיינען ווי סימבאלן, וואס זייער זעה-בילד דארף זיך אסאציאירן מיט א באשטימטן קלאנג-בילד. פאר איטליכער שפראך איז גע-צומען געווארן א באגרעניצטע צאל צייכנס (אין אייראפעאישן קולטור-קרייז אלע פון איין מקור: פון אלט העברעאישן אדער פעניקישן אלעף-בייס) און דורך דער טראדיציע אויף דעם אדער יענעם אופן צוגעפאסט געווארן צום דערמאנטן אסאציאיר-פרא-צעס. אין יידיש האבן מיר די העברעאישע ק ו א ד ר א ט-ש ר י פ ט (מרובע).

2. קיין איינער פון די פראקטיש געברויכטע אלעף-בייסן איז ניט אין שטאנד איבערצוגעבן אלע קלאנגען פון דער געהער-ריגער שפראך. א סאך קלאנגען בלייבן גארניט באצייכנט — זיי בלייבן אין גאנצן נאר אין דער געהער-טראדיציע (אשטייגער, דער קלאנג אלף אין דייטש אדער רוסיש) און האבן ניט קיין געהעריגע זעה-בילדער. פון דער אנדער זייט ווידער, העלט ווי די שפראך-קלאנגען האבן די טעווע זיך צו אנטוויקלען און צו בייטן, בייס די געשריבענע ליטעראטור-דענקמעלער בלייבן ניט פארענדערט, באקומט זיך סאך קאל סאך, אז פאר איינע און די זעלביקע קלאנגען זיינען פאראן פארשיידענע צייכנס און אויך אמאל איין צייכן פאר פארשיידענע קלאנגען. א ביי-שפיל פון ערשטן מין זיינען די דייטשע v און f, c און ä, ai און ei, די יידישע ט און ת, ח און כ; א ביישפיל פון צווייטן מין: ו פאר ליטוויש u און פאר פויליש i; א. אז. וו. דעריבער

האָט די פאָנעטיק, וואָס שטרעבט צו געפינען, ווי ווייט מעגליך, צייכנס פאַר אַלע געהערטע קלאַנגען און צוגלייך ניט צו גע-ברויכן פאַרשיידענע צייכנס פאַר איין און זעלביקן קלאַנג, געמוזט אויסאַרבעטן אַן אייגענעם אַלף-בית, וואָס דורך אים זאָל מען קאָנען טראַנסקריבירן אַלע מעגליכע שפּראַכן. עס איז אָנגענומען דער לאַטיינישער אַלף-בית, אָבער, פאַרשטייט זיך, מיט אַ סאַך מאָדיפיקאַציעס און צוגעגעבן צו דער געוויינליכער צאָל אותיות אַ היפּשע צאָל נייע. דאָס שליסט ניט אויס די מעגליכ-קייט, אַז די נאַציאָנאַלע ליגוויסטן זאָלן געברויכן, אַחוץ דעם אינ-טערנאַציאָנאַלן לינגוויסטישן אַלף-בית, אויך אַן אייגענעם, ספּעציעל צוגעפּאַסטן. אַזוי נוצן די רוסישע פילאָלאָגן. פאַר יידיש האָט דאָס אויך געפּרואווט טאָן נ. פּרילוצקי אין אויבן ציטירטן ווערק. מיר וועלן דאָ באַנוצן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָנעטישן אַלף-בית.

3. די פאָנעטיק פון דער יידישער שפּראַך און די וויסנשאַפט וועגן די קלאַנגען פון דער יידישער שפּראַך אָדער וועגן די קלאַנגען, וואָס יידן ברענגען אַרויס, ביים זיי ריידן יידיש. ווי שוין געזאָגט, איז די פאָנעטיק באַגרינדעט אויף דער קלאַנגען-פיזיאָלאָגיע. די מעטאָדן פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט זיינען:

א) זעלבסט-באַאָבאַכטונג — צוהערן זיך צו די אייגענע קלאַנגען אין פאַרשיידענע ווערטער און האָבן ביים מאָמענט אין זי-נען צו באַשטימען די לאַגע און די פּינקטן פון די רייד-אָרגאַ-נען ביים אַרויסברענגען דעם אָדער יענעם קלאַנג.

ב) צוהערן זיך, ווי אַזוי עס ברענגען אַרויס די קלאַנגען אַנדערע פאָלקסברידער פון פאַרשיידענע געגנטן און באַפעלקע-רונגס-שיכטן. פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער מענטשן עס ווערן

אויסגעהערט, אלץ געשווילטער ווערט דאָס אויער פונם פאָרשטעהן און אַלץ זיכערער זיין ראל.

ג) אָביעקטיווע הילפס-מיטלען ביי דער פאָנעטישער באַ-אָבאַכטונג: a) אריינקוקן מיטן קעל-שפיגל אין מויל-כאַלאַל אריין (לארינגאָסקאָפּיע) ביים ארויסרעדן קלאַנגען, כדי צו זעהן די לאגע פון די אינעווייניגסטע אָרגאַנען. b) פאָטאָגראַפירען מיט רענטגען-שטראַלען; c) אויך צו באַשטימען די לאַגע פון דער צונג, ווערט דער גומען באַקלעפּט מיט אַ געוויסער עלאַסטישער מאַסע, די צונג באַשמירט מיט פאַרב, אַזוי אַז ביים בילדן די געהעריגע קלאַנגען (ד, ט, ש א. א.) לאָזט די צונג איבער סימנים אויף די ערטער, וואו זי האָט זיך צוגערירט צום גומען. d) אריינרעדן אין פאָנאָגראַף און באַטראַכטן דאָס בילד פון די ליניעס אויפן וואַלץ. e) פאַרשיידענע אַפּאַראַטן, אויף צו מעסטן דעם אָטעם-שטראָם און דעם דויער (לענג) פון די קלאַנגען.

4. דער רייד-פּראָצעס. אויף אויספירן דעם רייד-פּראָצעס דינט אַ גאַנצע סיסטעם פון אָרגאַנען מיט גאָר אַסאַך מוסקעלן און נערוון. דער גרעסטער טייל פון די אָרגאַנען האָט נאָך אַנדערע פונקציעס, און נאָר איניגע דינען ספּעציעל צום ארויסברענגען קלאַנגען. צו די רייד-אָרגאַנען געהערן: א) די לונגע — זיי נעמען אריין און לאָזן ארויס דעם לופט-שטראָם צום אָטעמען; דער זעלביגער לופט-שטראָם דינט אויך צום בילדן קלאַנגען, ב) דער אויבערשטער טייל פון דער לופט-רער הייסט די קעל. די קעל איז פון אינעווייניג באַדעקט מיט אַ שליים-הויט. ג) ביי דער עפענונג פון

קעל, ביים ק ע ל-ק אָ פּ, וואס שטאַרצט ארויס פאָרנט אויפן האַלז, וואו מען קאָן אים אָנטאַפּן מיט דער האַנט, הייסט די דאָזיגע שליים-הויט אַריבער אין צוויי פאַלבן. דאָס איז ביים אָטעמען, ביים ארויסברייינגען קלאַנגען, ווערט אָט די אַרקאָפּהייגענדיגע הויט אָנגעצויגן, אָנגעשפּאַנט און צווישן די פאַלבן בילדעט זיך אַ דרייעקיגע עפענונג — די ש ט י ם-ש פּ אַ ר ו נ ע. די פאַלבן פון דער שליים-הויט הייסן די ש ט י ם-ב ע נ ד ע ר אָדער ש ט י ם-ל י פּ ן. ווען די שטים-בענדער זיינען אָנגעצויגן, שלאָגט זיך אָן זיי אָן דער לופט-שטראָם, וואָס גייט אַרויס פון די לונגען; דערפון נעמען זיי וויברירן ווי אַ סטרונע, און עס באַקומט זיך א ט אָ ן. דער טאָן איז אַ העכערער אָדער נידעריגערער, געווענדט אָן דער אָנגעשפּאַנטקייט פון די שטים-בענדער. ד) דער כאַלאַל איבערן קעל און דער גאַנצער מויל-כאַלאַל צווישן צונג, גומען און באַקן, צווישן צונג, יאַסלעס, ציין און ליפּן בילדן ר ע ז אָ נ א ט אָ ר ס, וואָס מאָדיפיצירן די טענער. אינאיינעם מיט די איבער-טענער ברייינגען אָט די רעזאָנאַטאָרס די פאַרשיידענע קלאַנג-פאַרב פון טאָן, ד. ה. צי א ז ער אַ, a, o, i א. אז. וו.

די שפּראַך-אָרגאַנען ברייינגען ארויס ניט נאָר טענער, נייערט אויך ג ע ר ו י ש ן. דאָס קומט פאָר אין די פאַלן, ווען דער לופט-שטראָם גייט ניט אַרויס פריי פון דער קעל דורכן מויל אָדער דורך דער נאָז, נאָר ער באַגעגנט אין קעל-קאָפּ טעפּע אָדער אין מויל-כאַלאַל א מניעה, וואָס ער מוז זי ביוועער זיין אויף ארויסצוקומען אין דרויסן, דעמאָלט שלאָגט ער זיך אָפּ אָן דער מניעה, און עס באַקומט זיך א ג ע ר ו י ש. אויף דעם טעמאַך איז באַגרינדעט די פיזישע איינטיילונג פון די קלאַ-

גען אין װאָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן, די װאָקאַלן זיינען שטימער, די קאָנסאָנאַנטן—גערױשן.

באַמערקונג. דער אונטערשײד צװישן גיט ניט איבער דעם מהות פון די געהעריגע קלאַנגען, װי גערױשן, און דערפאַר װאָלט בעסער געװען צו פאַרבײַטן אים דורך אַנדערן, דאָך געברױכט מען אים װײַל אין דער גראַמאַטישער אײַנטײלונג פון די קלאַנגען פּאַסט ער גראָד.

די יידישע װאָקאַלן. יידיש פאַרמאָגט פאָלג־ װאָקאַלן: ă, ā, a, ǫ, ę, ‾, u, i.

דעם ă האָבן מיר אין אַלע די אַזעלכע, װאָס װערט שרײַב־ ליך באַצײכנט דורך אַ: האַרטס, מאַס, פלאַך, ער שנײַט פון בחיד און הנבר. ă (פּתח), סלאַװ. a. דער אַלטער דײַטשער c װערט פאַר די צו a: האַרץ, װאַרעם, האַר.

אין אײניגע ערטער (באַרדיטשעװ, אָדעס און נאָך) װערט דער דאָזיקער a צו o, oa אָדער å: װאַסער, נאַס, כאַך, כאַלט, באַלד. פאַראַלעל האָבן מיר אױך אײניגע דײַטשע דיאַלעקטן: אָסט-פרענקיש, (געמאַכט) gemocht (פאַקל) (Ochsel בײַשפּיל: bold, long (מאַן) Monn, ondern, Flochs

דער קלאַנג ǫ. 1) מה״ד ǫ בלײַבט ǫ אין אַלע יידישע דיאַלעקטן: אָבער, דאָך, גאָט, נאָלד. 2) מה״ד u פאַר די װערט יידיש ǫ: נאָרגל, װאָרצל, דאָרשט; אין װאָל. און פױל. אױך: כאָרץ, דאָרף. 3) מה״ד ǫ װערט אין ליטװ (פױל-װאָל u): װונט, זאָמער, נאָדל, כרום, שלאָף שטאָט דאָס געמײנע העבר. ǫ (קמץ גדול): ישראל בנימין

היטן, רחמנות, 4) צום טייל איך מה״ד a: האָב
מאַג, דאָס, טאָג, גאָר, גראָד, שטאָט, זאָג, גראָז,
גלאָז, מאָג, צאָל, שמאָל — אַנאַלאָגיש צו די גאָרבען
יואו מה״ד איז דער a לאַנג.

דער קלאַנג U 1) אין ליטע; פון מה״ד UO, אַלט־
דייטש uo: בוך, גוט, בלום. 2) אַלטער u געבליבן פאַר K:
רוקן, בוקן, פוק, (נה״ד האָט אין די פאַלן ü; צוריק ווידער
דאָס דער שלעזישער דיאַלעקט: Zruck, stuck, drucken) דאָרט,
יואו אויך מיר האָבן: צוריק, דריקן, שטיק); אויך אין
פֿרעמדווערטער: הונגער, זון, זומער, קומען, פֿ[illegible]ום.

דער קלאַנג e. דער e איז יידיש אַלט־ראָזן פון
אָפענער, ד. ה. אַרויסגערעדט מיט געעפנטע ליפּן, באַצייכנט אין
טראַנסקריפּציע דורך e, ליטווי. האָט נאָך דעם דאָזיקן e. וואָל.
האָט אויך אַ געשלאָסענעם e, אַרויסגערעדט מיט פאַרמאַכטע
ליפּן, באַצייכנט e, אַ שטייגער, געבעט (gebet), לערער (lerer),
נעמען (nemen). דער מה״ד j ווערט פאַר יידיש e: שפּערן,
ערגעץ, פערצעהן. אין די דרום־דיגע דיאַלעקטן אויך העבר.
הויך: מרחה, אַרויסגערעדט, מי־כע.

דער קלאַנג i. 1) אין אַלע דיאַלעקטן דער אַלטער
i: איז, שטים, ווינט, דיך, העבר. מין, אים. 2) אין
וואָל. - פויל. אַנטקעגן ליטוו. u: בוך, שטים, קליג.

דיפטאָנגען. ווען אַרויסגערעדט צוויי וואָקאַלן
האַרט איינער נאָכן אַנדערן, באַקומט זיך אַ דיפטאָנג. יידיש
פאַרמאָגט עטלעכע דיפטאָנגען: ai, ei, oi, ערשטנס אויך eu,
u ,ai ui ווערט באַצייכנט דורך די (אַמאָל אויך אײַ), ei

דורך ײַ, oi, eu, ou, ui — דורך וי (oi אַ מאָל אויך אױ), אין
העברעאישע ווערטער דורך i).

ai שטאַמט 1) פון אַלטן i: ווייַן, מייַן, דרייַ, בּלייַבּ
שרייבּן, פייפן, וואָל. האָט אין די פאַלן ē 2) פון אַלטן
iu: פייער, געטריי, פריינט, נייַ, לייט. 3) אין פויל.
פון אַלטן ei: קלייַן, פלייַך, שטייַן.

ei ליטוו. און וואָל. 1) פון אַלטן ei: הייליג, קליין,
שטיין, בּלייך, ברייט. 2) פון אַלטן ē: גייַ, איידער,
איידל. 3) פון מהיד oe און öu, בּייז, ווייען, שיין
טרייסט, פריידּ. פויל. האָט אין די אַלע פאַלן ai.

oi. 1) אין וואָל.—פויל. פון אַלט ō: גרויס, ברויט,
רויט, הויז, שטרויז, לויז, נויט. ליטוויש האָט אַנשטאָט
דעם eu, טיילווייז ei ערטערווייז אויך ou. אויך פאַרשיידענע
דייטשע דיאַלעקטן האָבּן אים פאַרשיידן: נידער = בייעריש ue
אבּערהעסיש u: Nut (נויט), Ruse (רויז), Gruss (גרויס),
וועסט.-נידער-שלעזיש ײַ eu: reut, greuss, heuch. 2) פון
אַלט ū, ou און au (aw): בּויך, הויבּ, הויט, אויג,
הויקן, בּויען, הויער, אויס, קלויז, לויפער. אויך אין
טייל ליטע און ביסאַרבּ רייסן הערט מען אין די פאַלן oi,
אָבּער אין טייל ערטער, נעהענטער צו זאַמען: ou, eu, און
אויך u.

eu הערט געהערט אין דער ליטע, בּיפראַט קורלאַנד, פון
דעם אַלטן ō אַנשטאָט וואָל. פויל. oi: ברויט (breut), רויט
(reut) הויזן (heuzn). טיילמאָל ווערט געהערט ei.

ד י י י ד י ש ע ק אָ נ ס אָ נ אַ נ ט ן. די קאָנסאָנאַנטן ווערן געטיילט, וואָס ווערן געבילדעט, ביים דער לופט-שטראָם ביים דורכגאַנג אַ מניעה אין מויל-כאַל און באַדאַרף זי דורכ-רייסן, פאַרביי אַרויסצוקומען און דרויסן. די מניעה קען דורכ-געריסן ווערן אָדער מיט אַ מאָל, דעמאָלט באַקומט זיך אַן א ו י פ ר י י ס-ק ל אַ נ ג (עקספּלאָזיוו קל.): B, P, T, אָדער עס בלייבט אין איר אַ שמאָלער שפּאַלט, וואָס דורך איר גייט דער לופט-שטראָם צו ביסלעכווייז אַרויס, דעמאָלט האָבן מיר אַ ר י י ב-ק ל אַ נ ג (ספּיראַנס). מיט די אויפרייסקלאַנגען סײַ די רייבקלאַנגען קאָנען אָדער ווערן באַגלייט דורכן שטים-טאָן, דעמאָלט האָבן מיר ה י ל כ י ק ע קלאַנגען (B, G, D), אָדער זיינען דורכן שטים-טאָן נישט באַגלייט, דעמאָלט האָבן נ י ש ט-ה י ל כ י ק ע אָדער ד ו מ פּ ע קלאַנגען (P, K, T). לויט דעם אָרט, וואו די מניעה ווערט געבילדעט, אונטערשיידן מיר קעל-קלאַנגען (לאַרינגאַלן): (אַ, ה, געהאַרכטע ר, אַלע העבראישע ח) און מויל-קלאַנגען - אלע איבעריקע. די מניעה אין מויל ווערט געבילדעט אָדער דורך די ליפּן אָדער דורך צונג און גומען מיט די ציין, דעריבער טיילן מיר די מויל-קלאַנגען איין אין ל י פּ ן-ק ל אַ נ ג ע ן (לאַביאַלע) און צ ו נ ג ע ן-ג ו מ ע ן-ק ל אַ נ ג ע ן. ביי די ספּיראַנטישע ליפּן-קלאַנגען (F, V) ווערט די מניעה געבילדעט דורך די אייבערשטע ציין מיט דער אונ-טערשטער ליפּ, זיי זיינען דעריבער לאַביאָ-דענטאַלע (ליפּן-ציינגע). די צונג קען בילדן די מניעה אָדער ביי די ציין, אָדער ביים האַרטן גומען אָדער ביים ווייכן גומען,—מיט דעם איז די איינטיילונג אין צאָן-קל. (דענטאַלע) האַרט-גומען-קל. (פּאַלאַטאַלע) און ווייך-גומען-קל. (וועלאַרע). די צונג קען

בילדן די שפּיצע אָדער מיט איר שפּיץ—דענטאַלס האָבן ביי
צו נ ג ע ן - ש פּ י ץ - קלאַנגען אָדער ק אָ ר אָ נ אַ ל ע, אָדער
מיט איר מיטלסטן טייל, דענטאַלס האָבן מיר צ ו נ ג ע ן-
ד ו ק ן - ק י, אָדער ד אָ ר ס אַ ל ע. צו די קאָנסאָנאַנטן געהערן
אויך די ס אָ נ אָ ר - ק ל אַ נ ג ע ן m, n, r, l, n. ווערט גע-
בילדעט, ווען די שפּיצע, וואָס איז איינגעשטעלט דורך די ליפּ,
וועט ניט דורכגעלאָזן, נאָר דער שטים-טאָן גייט אַרויס דורך
דער נאָז; ת—ווען די שפּיצע איז געבילדעט דורך צונג און
ציין, און דער שטים-טאָן גייט דאָס געמיינע דורך דער נאָז;
ן—דורך צונויפגעצויגענער צונג בו אַ האַלבן טרייבל, אזוי, אז
דער לופט-שטראָם גייט אַרויס פון אירע ביידע זייטן (זייטן-
קלאַנג, לאַטעראַלע); ר—דורך ציטערן פונם שפּיץ צונג,
זייטן גלייכן אָדער צינגס (ציטער-קלאַנגען). די ווייטערדיגע
מאָמענט גיט די פיזיקאַליש-אַנאַליזע פון די יידישע קאָנ-
סאָנאַנטן.

			מויל-קלאַנגען						קעל-קלאַנגען. לאַרינגאַלע
			ליפּן-קלאַנגען		צונג-גומען-קלאַנגען: קאָראָנאַלע	דאָרסאַלע			
			לאַבּיאַל *	לאַבּיאָ-דענטאַל	צאָן-קל. דענטאַל	פּאַלאַטאַלע	וועלאַרע	לאַטעראַל	
גערויש	אויפֿרייס-קלאַנגען	ניט-הילכיק, רויש	p (פּ)		t (ט,ת)	k (ק,כּ)			' (א)
		הילכיק	b (בּ)		d (ד)	g (ג)			
	רייב-קלאַנגען	ניט הילכיק רויש		f (פֿ)	s, š (ס,ש)	j (י)	h(ח,כ)		h (ה)
		הילכיק		v (וו)	z ž (ז,זש)	j (י)			
סאָנאָר-קלאַנגען	נאָז-קלאַנגען		m (מ)		n (נ)				
	l-קלאַנגען						l (ל)		
	ציטער-קלאַנגען				r_1 (ר)		r^2(ר)		$r3_{(ר)}$

אָנמערקונגען צו דער טאַבעלע

1. דער בֿ אין די העברעאישע װערטער באַצייכנט דעם װײ-
כן קלאַנג װאָס װ אין די יידישע.

2. צ איז א קלאַנגען-פֿאַרבינדונג = טס.

3. דער י באַצייכנט סיי א װאָקאַל סיי א נישט-הילכיקן
גומען רייב קלאַנג.

4. דער העברעאישער ח װערט אצונד אַלץ אויסגע-
רעדט װי דער כ.

5. העברעאישער תּ=ט, ת=ס.

6. ן — קלאַנגען װערן געבילדעט אין יידיש אָדער דורך צו-
געדריקטן שפּיץ צונג צו די אויבערשטע ציינער (קאָראָנאַל-אַל-
װעאָלאַר) — דער אַזױ אָנגערופֿענער „האַרטער ן“ אָדער אויך
דורך צוגעדריקטן מיטלצונג צום גומען (פּאַלאַטאַליזירט) — דער
װייכער ן“.

7. פּאַלאַטאַליזירט („װייך“) װערן אויך אַנדערע קאָנסאָ-
נאַנטן, אָפּטער פֿון אַלץ ל, בפֿרט אין סלאַװישע װערטער.

8. דער פּלאַץ-קלאַנג װערט געבילדעט דורך דעם אויפֿרייסן
פֿון די צונויפֿגעדריקטע שטים-בענדער.

אַלגעמיינע אנמערקונג צו דער קאָנסאַ־ נאַנטן־בילדונג.

פאקטיש פארמאָגט יידיש א מאַך מער קאָנסאָנאַנטן, ווי די, וואָס זיינען באצייכנט דורך די פאַראַנענע אויסיעס. וואָרום לויי דאי וואָס ניט אַלע יידן אַרטיקולירן ביים אַרויסריידן איינער און די זעלביגע ווערקער אויפן גלייך אָרט פון צונג אין גומען, נאָר אפילע בא איין אין דער זעלביגער פערזאָן בייט זיך אייך די ארטיקוליאציע, געווענדט אָן די אַרומיגע וואַקאַלן. אַזוי, א שווינער, ווערט דער ק אין קינד אַרטיקולירט נעהענטער צו ד ציין, ווי דער ק אין קומען, דער ט אין טיש אַנדערש, ווי דע ט אין האָט א. אז. וו. דאָס, וואָס ביי איינינע אינדיווידן הערט מען, אַ שטויגער, „אַנקלויפן" אָנשטאָט אנטלויפן, לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואס זיי אַרטיקולירן דעם ט זייער טיף, ספּעפער אן ערעך ווי די אלטע העברייער זייער ט יף.

[illegible]

1. איצליכע גרופּער: קלאַנגען גרופּע ווערט צעטיילט דורך די הויך-פּונקטן אין דער רעלאַטיווער הויך-שטאַרקייט פון אַרע באַש-טאַנד-טיילן אין ביינן, וואָס מיר רופן זיי אָן טראַפּ: אַ-ריים—נעמ-אַ—לך. אַזוי אַרום זייגען פאַראַן איינטראַפּיגע, צווייטראַפּיגע, מערטראַפּיגע ווערטער.

2. דער אָנהייב פון טראַף (דער טראַף-אָן) איז שטענדיק אַ קאָנסאָנאַנט. אין יידיש קען דער טראַף זיך אָנהייבן אויך מיט צוויי אָדער דריי קאָנסאָנאַנטן. עס באַגעגענען זיך אַ זעלבע קאָמבינאַציעס: בל, בר, פּל, פּ״, פּל, פּר, וול,״) דר״), דנ, (דנא) דר, טל, טר, טס (צ), טסוו (צוו), טל״) בפּ״), סט, סוו, סנ, סז, ספּר, סק, סקל, סקר, ז״, שוו, שפּ, שט, שטר, שטש, שנ, שקל, של, שמ, שנ, שר, זשר, זשמ, זטר, סוו, כל, כנ, כר, גל, גר, הר (הרובע, חרודע), כר, כל, כנ, כמ, מר, (יִדיטשען). אין די העברעאישע ווערטער איז די קאָמבינאַציע פון צוויי קאָנסאָנאַנטן טראַף-אָן, נאָך רייכער: בגידה, דחק, תכלית, תבואה, תהום, תנאי, תקומה, סגולה, סבות, זמירות, זכות, זמן, שכנה, שפיכת-דמים, קטנים, כתב, גזרות, חצות, חקירה, חשיבות אין אז. וו. דאָ איז דער אַמאָליגער קורצער ס-קלאַנג נאָכן ערשטן קאָנסאָנאַנט, וואָס איז געווען באַצייכנט דורכן שוא נע (העבר. האָט ניט געקאָנט האָבן קיין צוויי קאָנסאָנאַנטן טראַף-אָן), אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

*) אין סלאַווישע ווערטער.

3) צום בילדן דעם טראָף דינען אין יידיש אַלע וואָקאַלן און די אָנגעזן אין כוץ דעם די סאָנאָרן ל. נ. און מ.

4. אַ טראָף הייסט אַן אָפענער, ווען זיין וואָקאַל שטייט וואָרט-אויס גרער איך וואָרט-אין, אויב דער קאָנסאָנאַנט פון ווייטערדיקן טראָף איז מיט אים נאָר שוואַך־געבונדן, דער וואָקאַל הייסט דעמאָלט אַ פ ר יי ע ר. ווערט אָבער דער וואָקאַל אָפּ־געשניטן אין מאָמענט פון זיין העכסטער הייך-פולקייט דורך אַ קעס-פאַרבונדענעם קאָנסאָנאַנט, דעמאָלט איז דער טראָף אַ געשלאָסענער און זיין וואָקאַל אַ געדעקטער.

5. דער טראָף קאָן זיין געשלאָסן א) דורך איין קאָנסאָנאַנט: איב, גליב, ב) דורך צוויי—אייבס, ביבס, ריבס, ג) דורך דריי—באַרגס, טאַרגס, ד) דורך פיר—גאַרגסט, האַלמסט, שטאַרקסט.

דער אַקצענט.

1. דער יידישער אַקצענט איז אַ ד ר ו ק-אַקצענט, וואָס באַשטייט דערין, אַז איין באַשטימטער טראָף אין אַ קלאַנגען-קאָמפּלעקס ווערט שטאַרקער אַרויסגערעדט, ווי די איבעריגע. דער יידישער אַקצענט איז אַ פ ר ײ ע ר, ד. ה. ניט געבונדן צו אַ באַשטימטן אָרט אין וואָרט (ווי אין פּויליש אַ שטייגער).

2. דער יידישער אַקצענט ווירקט, אַז קלאָר און דייטליך הערט זיך נאָר דער וואָקאַל פון אַקצענטירטן טראָף אין וואָרט, די וואָקאַלן אָבער פון די איבעריגע טראַפן, סיי פאַרן אַקצענט, סיי נאָך אים, קלינגען אומבאַשטימט, „פאַרטונקלט".

3. די העברעאישע ווערטער אין יידיש האָבן פאַרביטן זייער טראַדיציאָנעלן אַקצענט, וואָס איז געווען געבונדן מיטן לעצטן אָדער פאַרלעצטן טראָף פון וואָרט (מלרע און מלעיל) אויפן יידישן פרייען אַקצענט — דעריבער זיינען די העברעאישע פולע ענד-וואָקאַלן פאַרטונקלט געוואָרן: ס י ב ה, ב ר י ר ה, שבת, אוצרות.

4. אויך די סלאַווישע ווערטער האָבן אונטער דער ווירקונג פון יידישן אַקצענט אומגעביטן די וואָקאַלן פון די ניט-אַקצענטירטע טראַפן.

5. די ניט אַקצענטירטע טראַפן קענען אויך אין גאַנצן אַרויספאַלן, ווייל זייער וואָקאַל ווערט פאַרשוואונדן, אַזוי איז פאַרשוואונדן די [illegible]-ענדונג. האָבן, גאָב, לאָמפּ, עס טרעפט אויך, אַז עס פאַרשווינדן קאָנסאָנאַנטן וואָרט-אין; [illegible] [illegible], [illegible] [illegible], אויך ווען [illegible] אָדער אויך צו [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible].

קלאַנג־בייטן.

1. די קלאַנגען פון דער שפּראַך בייטן זיך אָדער מאַכ־מעס דעם, וואָס עס רוקט זיך איבער ביסלאַכווייז דער אַרטיקולאַציאָנס־באַזיס אָדער מאַכמעס דעם, וואָס די אַרטיקו־לאַציע ווערט פאַרביטן מיט אַמאָל. דעם ערשטן קען מען אָנרופן קלאַנג־אומבייטן, דעם צווייטן — קלאַנג־פאַרבייטן.

2. דער קלאַנג־אומבייט באַשטייט אָדער דערין, וואָס עס בייט זיך פּאַמעלעך, אין משך פון דורות. די לאַגע פון די רייד־אָרגאַנען ביים אויסרעדן דעם אָדער יענעם קלאַנג (ספּאָנ־טאַנער אומבייט) דער דאָזיקער אומבייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער באַזונדער שפּראַך. אַזוי האָבן אין די אינדאָגערמאַ־נישע שפּראַכן זיך אומגעביטן K אין H, G אין K א. א. וו. אין יידיש האָבן מיר דעם אויבן אָנגעוויזענעם וואָקאַל־אומבייט: ā אין o, ō אין oi א. אַז. וו.

דער קלאַנג־אומבייט קען אויך געשען אונטער דער ווירקונג פון די שכנישע קלאַנגען — קאָמבינאַטאָרישער אומבייט. דאָס איז די אויסגלייכונג אָדער אַסימילאַציע פון די קלאַנגען און די איבערריקונג פון די טראַף־גרענעצן. צו דער קאַטעגאָריע פון קלאַנג־פאַרבייט געהערן דער אייגענער די־סימילאַציע און מעטאַטעזיס (בירשטיין אָנשטאָט ברי שטיין).

3) דער ספּאָנטאַנער קלאַנג־אומבייט איז אין גאַנצן פון דער יידישער שפּראַך באַשטימט נאָך ביי די ווזיקיי אין

דיפטאָנגען. עס האָבן זיך אומגעביטן: ă אין á, oa (גאַרדיי-
שטיער דיאַל.), ū אין ŏ (ליטוו.) און u (פויל. וואָל.); ou
אין u (ליטוו.) און i (פויל, האָל.); u אין i (פויל. וואָל.); ī
אין ai (ליטוו.) און ā (וואָל.); iu אין ai; ei אין ai (פויל.);
ē אין ei, פויל. ai; oe און üu אין ei, ai; ō אין oi (פויל.
וואָל.), eu, ei, ou; ū און ou אין oi.

3. אַ ס י מ י ל אַ צ י ע. ביים רעדן זייַנען די
קלאַנגען ניט אויסגעטיילט באַזונדער, נייערט זיי ווערן געשאַפן
ווי אַ גאַנצער קאָמפּלעקס. נאָך איידער איין קלאַנג איז פאָרבע-
רייטונג, ווערט שוין דער לייד-אַפּאַראַט צוגעגרייט צום אַרויס-
ברענגען דעם קומענדיגן קלאַנג. אזוי אַרום ווירקן די קלאַנגען
איינער אויפן אַנדערן. איז דער ערשטער קלאַנג שטאַרקער—
איבער פסיכאָלאָגישע אָדער פיזישע מאָטיוון—ווירקט ער אויף
דעם נאָכפאָלגנדן צווייטן. איז דער צווייטער שטאַרקער—ווירקט
ער צוריק אויפן ערשטן. אין ערשטן פאַל האָבן מיר פּ ר אָ-
ג ר ע ס י ו ו ע אַסימילאַציע, אין צווייטן פאַל—ר ע ג ר ע ס י ו ו ע
אַסימילאַציע. עס ווירקן קאָנסאָנאַנטן אויף קאָנסאָנאַנטן, וואָקאַלן
אויף קאָנסאָנאַנטן און קאָנסאָנאַנטן אויף וואָקאַלן. עס ווירקן
אויך באַזונדער ניט נאָר די האַרטע נעבן אַנאַנד שטייענדיגע קלאַנ-
גען, נייערט אויך אַזעלכע, וואָס זייַנען אָפּגעשיידט דורך ווייני-
גער אַקצענטירטע קלאַנגען.

4. די אויסגלייכונג קאָן זייַן אַ טייל און גאַנצן אָדער ...
ניט טיילווייז, באַזונדערס צו דער הילכיקייט אָדער דער אויסער-
שטעלונג ... אַרטיקולאַציאָנס-באַזיס.

4. ביישפּילן פֿון אַסימילאַציע. a) פּראָ-
גרעסיוו אין נאָהענט-שטעלונג: ד ווערט אַסימילירט צו ט אין
האַלטט, שרײַבט; ז נאָך ט ווערט צו ס (ניט הילּ-
כיק) ווילסט-סיך, מאַכסט-סיך; נאָך ט געוואָרן פֿון ...
...; נ נאָך ליפּן-קלאַנגען ווערט מ (לאַביאַל): שרײַבם
הלעפּם. b) פּראָגרעסיוו אין ווייט-שטעלונג: וואָלוול>וואָל-
פֿיל. ווײַלוול—פֿאַרקלענערונג פֿון וואָלף, באָרוועס>באָר-
פֿוס (טיילווייזע אַסימיל.). c) רעגרעסיוו אין נאָהענט-שטעלונג:
דער פּ אין פֿאָרשטעל אָפּ ווערט פֿאַר הילכיגע אָדער צו ב
(הילכיג; טיילווייזע אַסימ.), אָדער אין גאַנצן צוגעגליכן צום
ווייטערדיקן הילכער—אָפּגײַן קלינגט: אָבגײַן אָדער אַגײַן,
אָפּדריען—אַבדריען אָדער אַדריען. דער ה אין
אויבן ווערט פֿאַר א נ צו ג: אַהעגנײַן, די פֿאַר ג ווערט
צו כ: רעכט פֿון רעדן; שנײַדן פֿון שנײַדן; ב פֿאַר ט—
צו פּ: ניט אָנשטאָט ניבט; ב פֿאַר ס ווערט צו כ: ניסט
פֿאַר ניבסט. ס פֿאַר ז ווערט זי אויך הק פֿון אויבוען
לעבקוך-לעקעך, בי ס-ואַל-באַזל, ליי-וואַנט
ליוונט, לין-לאַק>קיי-ראָך. טיילווייזע אַסימילאַציע: די
הילכער ב, ד, ג, ווערן פֿאַר ב, ט צו די געהעריקע ניט
הילכער: שרײַפּט, שרײַפּ (שרײַבן) רעטסט, רעט *)
(רעדן), טראָגסט, טראַכט (טראָגן). נ פֿאַר פּ ווערט מ:
ווימפּערלאַך (ווײַנ) באַשיטמפּערלאַך (שײַנ), אַמ-
פֿאַר (אונ) מ פֿאַר ט צו נ: יום-טוב>יאָנטעף ס
פֿאַר ד ווערט ז: בית-דין>בעזדין. אין ווייט-שטעלונג פֿאַר
אַסימילאַציע: מצרים אָנשטאָט צוריק.

*) דאָ איז, נאַטירלעך, אַ טאָטאַלע אַסימילאַציע

6. צו דער אַסימילאַציע געהערט די ווירקונג פֿונעם ר אויף די פֿריהערדיגע וואָקאַל: פֿאַר ר ווערט צ' e: [illegible] שטערן; e פֿאַר ר ווערט צו a: [illegible] באַרג, אין [illegible] פֿיל, ווערט אויך [illegible] רעדט זיך [illegible].

7. נייע פֿאָרמען. צווישן די אין קאָנזאָנאַנט וואָרצ-[illegible] [illegible] אַרײַן אין [illegible] און [illegible] [illegible] זיך אַ נייע [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אויך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] עס אין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אויך אין [illegible] [illegible]

8. דיסימילאַציע. נאָך צוויי [illegible] זעם, אייזערנעם, נייעם. [illegible] [illegible] לאַמטערן פֿון לאַנטערן. [illegible] [illegible] שופֿלאָד פֿון שובלאָד. [illegible] [illegible] אָבערשט. אָקערשט [illegible] [illegible] טער פֿון רייסטער.

2־טער אפשניט. מארפאלאגיע *)

די ווארט־קלאסן.

1. די אָרגאַניזשע איינהייט פון אַלע גראַמאַטישע ערשיי־ נונגען איז דער זאַץ.

2. די וואָרט־קלאַסן בילדן זיך אויס און באַקומען זייער באַטייט נאָר אין זאַץ. איינציגע ווערטער קאָנען, געווענדט אָן זייער לאַגע אין זאַץ און אָן די שבייכותדיקע ווערטער, באַהערן צו פאַרשיידענע וואָרט־קלאַסן. אַזוי קאָן „גוטס" אָדער „גוט־ מער". „גוטע" זיין אַן אַדיעקטיוו ווי אַ סובסטאַנטיוו. אין די פאַרבינדונגען „אַ קינד", „אַ גאָלד", „גוטפינקלאַך" „שמעקעלאַך" פאַרטרעטן „אַ גאָלד" און „שמעקעלאַך" אַדיעקטיוון. דער היינט, דער נעכטן, דער דרויסן זיינען סובסטאַנטיוון.

3. די טראַדיציאָנעלע איינטיילונג פון די וואָרט־קלאַסן איז לאָגיש ניט אויסגעהאַלטן, ווייל זי איז ניט געמאַכט לויט אַן איינהייטלעכן איינטיילונגס־פּרינציפּ. הייסט אָבער ווי עס איז פּראַקטיש שווער צו געפינען אַזאַ איין איינטיילונגס־פּרינציפּ, דאַרף מען נאָך ניט געפינען גאָר קיין האַלטבאַרע באַזייטיקן צו די עטימאָלאָגישע איינטיילונג פון די וואָרט־קלאַסן.

---

*) אין די פאַרצייכענישן פון דער מאָרפאָלאָגיע און סינ־ טאַקסיס האָב איך מקצר געווען, נאָר צו געבן די ריינע סימבאַלן פון יידיש.

4. אַ פּלאַן פֿון זאַץ־איינטיילונג אין פֿאָלג.

A. אויסרוף — ניט־אויסגעבילדעטער זאַץ: אַך, אָ, יאָ, נייַן, עט.

B. די איבעריגע ווערטער ווערן געטיילט אין אויס־געבילדעטן זאַץ. זיי ווערן איינגעטיילט אין:

I. זאַץ־בילדנדיגער וואָרט־קלאַס — דאָס ווערב.

II. ניט־זאַץ־בילדנדיגע וואָרט־קלאַסן. זיי ווערן איינגעטיילט אין:

א) אינהאַלט־ווערטער — זיי נעמען צו־נויף דאָס וועלט־בילד פֿונעם רעדנדיקן. זיי ווערן איינגע־טיילט אין:

1. סובסטאַנטיוון אָדער הויפּטווערטער.

2. אַדיעקטיוון אָדער ביי־ווערטער. צו זיי געהערן אויך די צאָל־אַדיעקטיוון.

3. אַדווערבן אָדער אומשטאַנדס־ווערטער. צו זיי געהערן אויך די צאָל־אַדווערבן.

4. פֿון די אינהאַלט־ווערטער אַנטוויקלען זיך גראַמאַ־טישע פֿאָרם־ווערטער: פֿאָרווערטער (פּרע־פּאָזיציעס) און בינד־ווערטער (קאָניונקציעס): **פֿאַר, צווישן, ווייַלן, בשעת...**

ב) טייט־ווערטער. זיי באַצייכענען דאָס פֿאַר־האַלטעניש פֿונעם רעדנדיקן צו זיינע פֿאָרשטעלונגען: דירעקטע

וואָס זיי ווייזן אָן אויף איין פונקט פון זיי. דאָס זיינען די
פּ ר אָ נ אָ מ י נ אַ. זיי זיינען איינגעטיילט אין:

1. זאַך-טייטער:

a) דעמאָנסטראַטיווע און רעלאַטיווע פּראָנאָמינאַ: דער, יענער, וואס...

b) פּערסאָנאַלע און פּאָסעסיווע: איך, מיין...

c) אומבאַשטימטע דעמאָנסטראַטיווע און אינטעראָגאַטיווע: איינער, עמליכע, ווער, וויפל...

d) אידענטיטעטס-אָנווייזער: אָט, דער זעלבי-גער...

2. טעטיווע-און-מאָס-טייטער — זיי זיינען שטענדיק אומזעלבשטענדיק געבראַכטע פאַרשטעלונגען. די נעמליכע, וואָס אין פּונקט 1, נאָר אַדיעקטיוויש געבויגענע.

3. אומשטאַנד-טייטער: דאָ, דאָרטן, אַזוי...

4) ריינע פאָרמעל-ווערטער — בינדווערטער: און, אָבער, צי, אָדער...

סובסטאַנטיוו.

איינטיילונג. סובסטאַנטיוו איז דער נאָמען פֿאַר אַ סובסטאַנץ, אַ זאַך, נעמען פאַר קאָנקרעטע און אַבסטראַקטע זאַכן, איינגן-נאָמען און קלאַל-נאָמען. די לעצטע האָבן נאָך אונטער-אָפּטיילונגען: שטאָף-נעמען, זאַמל-נעמען, ווערבאַל-סובסטאַנטיוון, ווי האָפענונג, שרייבאַכץ, דינגעניש, גערודער.

וואָרט-בילדונג. 1. די וואָרט-שאַפונג און וואָרט-בילדונג געשעהט אין זאַץ.

2. דער לכאַטכילעדיגער וועג אויף בילדן נייע ווערטער איז די וואָרט-צוזאַמענזעצונג (ד. ה. ווען יעדער טייל באַהאַלט זיין זעלבשטענדיגע אינהאַלטס-באַדייטונג): א) דורך דער נעבן-אַנאַנד-שטעלונג: אָרימאַן (אָרים מאַן), אַלף-בית, קליין-שטעטל, זויערמילך; ב) פון סינטאַקטישע פאַרהעלטענישן: עפּל-בוידם, קנאַכניסל, אויגנווייטאָג.

3. יעדער וואָרט-צוזאַמענזעצונג (צוזאַמענגעזעצט-וואָרט) באַשטייט פון a) גרונט-וואָרט, וואָס טראָגט דעם עצם אינהאַלט פון דער צוזאַמענזעצונג, און b) באַשטימונגס-וואָרט. אין די דייטשע, העברעאיש-דייטשע, סלאַוויש-דייטשע אין העברעאישע סלאַווישע פאַרבינדונגען שטייט דאָס גרונט-וואָרט אויפן צווייטן אָרט (אָבער אויך: פּיכד-אָרין, -קנאַק-ניבר. ✱ דאַלעקטיש אויך: מטרפל און אפילו ביטל-לעב אין די העברייאישע פאַרבינדונגען-אַל-פּי-ראָוו אויפן ערשטן

אַרט (די סמיכות-פאָרם: ראש-ישיבה, תורת-משה, מעות-חטים), אָבער אייך: ס.סתר-תענית, ישיבה-בחור.

4. שפּעטער אָבער טרעפט, אַז דער ערשטער און בי-פראַט דער צווייטער טייל פון דער וואָרט-צוזאַמענזעצונג ווערט אָן זיין אינהאַלט באַדייטונג און דינט נאָר ווי אַ פאָרם אויף צו מאָדיפיצירן די באדייטונג פונם אַנדער טייל. אזוי אַרום באַקומען זיך די בילדונגס-עלעמענטן א) אויף צו שאַפן נייע ווערטער („אָפּלייטונג") און ב) איף אריינצופּאַסן ווערטער אין זייער צוזאַמענהאַנג אין זאַץ (וואָרט-בויגונג, פלעקסיע).

5) אין די ווערטער פון דער שפּראך, וואָס ווערן אויף אַזאַ אופן געבילדעט (דעריוואַטע ווערטער) אונטערשיידן מיר: א) דעם ש ט אַ ם אָדער וו אָ ר צ ל (שירש), וואָס איז דער טרעגער פונם וואָרט-איינהאלט, ב) פ ר ע פ י ק ס ן אָדער פ אָ ר ש ט ע ל ן טראַפן, וואָס שטייען פאַרן שטאַם, ג) ס ו פ י ק ס ן—ענד-טראַפן, וואָס שטייען נאָכן שטאַם. די ווערטער אָהן פרעפיקסן און סופיקסן הייסן ש ט א ם - וו ע ר ט ע ר.

6. I סופיקסן צו בילדן הויפּטווערטער האָט יידיש אַ זעלכע:

A) פאַר קאָנקרעטע נעמען: א)—ער פאַר מענליך,—ע ר י ן אָדער—ע ר ק ע ווייבליך אויף צו באצייכענען דעם טוער: ש ר יי ב ע ר,—ין,—קע; ל ע ר ע ר, —ין, —קע, ש נ יי-ד ע ר —ין, —קע.

ב)—ניק, וו יי ב ל—ניצע: ק אָ ל ב ו י נ י ק, נ ו ד-נ י ק, ג ע נ אַ ר נ י ק.

ג)—טע אויף צו באַצייכענען ווייבל-פּערזאָנען (מ סטאַ-מע ארמיש. תא); קומט אַל פּי רוב נאָר צו העבר. שוראָשיב: גווירטע, כאַווערטע, באַל-האַבאָסטע, גאַדלענטע, אָבער אויך: פּויערטע, האַרינטע.

ד)—יכע — שייכעטיכע, טאַלמודיכע (גענומען פון סל. דוואָרניטשיכע).

ה) אק: צוויאַק, קאָרמאַק. פּראָסטאַק.

ו)—אַטש — יונגאַטש, בערדאַטש.

ז)—ן: דברן, גדלן, למדן.

ח)—יס: צאַדיקיס, פּלייניס (אָבער אויך פּלייניס׳טע).

B) פאַר אַבסטראַקטע נעמען: א)—ונג, פון ווערבאַל שטאַ-מען: האָפנונג, זאַמלונג.

ב)— שאַפט, עפּיר פון אַדיעקטיוו: גרייטשאַפט, קרייווישאַפט, קענטשאַפט,

ג)—הייט און קייט, פון אַדיעקטיוו: פרייהייט, פרייקייט, נאַדישקייט, באַל-האַבאַטישקייט.

ד)—ניש, ווערבאַל-סובסט. פוילעניש, דאַרעניש, לויפעניש.

ה) — אַכץ, ווערב. סובסט.: ציאַכץ, שרייבאַכץ,

ו) — טום (זעלטן, עפּ״ר אין נעאָלאָגיזמען): רייכטום, פּויערטום.

ז) — (ער) יי: שניידעריי, לערעריי, זע־צעריי.

ח) — וואַרג (זאמל־נעמען): יונגוואַרג, קליינ־וואַרג, עסנוואַרג.

ט) — וס: שאַדכאָנוס, ראַבאָנוס, כאַסידוס.

C) פאַרקלענער — און — צערטל — סופיקסן: א) ל (דל, כל), —עלע: שטעטל, שטעטעלע, שטיינדל, —עלע, מײַלכל, —עלע.

ב) — עך: געלכע, שורכען (נאָר רעשטן אין וואָל.).

ג) — קע, — קעלע: פּאַטשײלקע, —לע, שוועמערקע, הייזקע.

ד) — שי (פּויל.): מאַמעשי, טאָכטערשי.

ה) — ניו (וואָל.) — טאַטעניו, זונעניו.

II. פּרעפיקסן פאַר הויפּטווערטער באַרמאָגט יידיש: א) גע · פאַר ווערבאַל־נעמען און זאמל־נעמען: געדאַנק, געניי, געזעמל, געקעכץ.

ב) אומ — צוליב פאַרניינונג: אומגליק, אומ־מענש.

אָנמערקונגען. 1. פון העברעאיש, כדאַ-
ויש און פרעמדע שפּראַכן זיינען אריינגעקומען דעריוואַטע נע-
מען, מיט סופיקסן, וואָס כאַזערן זיך היפּש איבער, אָבער פאַ-
נייבילדונגען זיינען זיי ווינציג פּרוכפּאַר.

א) מיר האָבן פון סל. גריזאָטע, סוכאָטע און נאָך, אָבער דער סופיקס אָטע (ota) פאַר זיך איז אין יידיש ניטאָ.

ב) פון ווערטער ווי שפּיזאַרניע, קאַוויאַרניע, צוקערניע און נאָך אַנדערע באַקומט זיך א סופיקס—אַרניע, וואָס האָט געבילדעט: זעצאַרניע, כסידאַרניע און עפשער נאָך אַנדערע.

ג) פּרוכפּעריגער איז געוואָרן די לעצטע צייט דער לאַ-טיינישער סופיקס ציע (tio). פון אַזעלכע ווערטער (גענומען פון פּויליש) האָבן מיר: עדוקאַציע, קאָראַנאַציע, קוראַציע, אַקציע (אַפּטון אַן א.) און נאָך איינ-צעלנע. איצטער האָבן מיר שוין: אָרגאַניזאַציע, נאַציע און אז. וו.

ד) אפילע דער סלאַוו. —סטווע (ство—) פון „באַס. קודסווע“ האָט געבילדעט: גזלעוויאָסטווע.


2. שפּעטעריש זיינען געוואָרן די פראַנצויזישע סופיקסן (דורך רוסיש): —יזם און איסט: ציוניזם, ציוניסט, כסידיזם און אז. וו. (אלץ נעאָלאָגיזם, גע-ברויכט נאָר אין כראָזע סטיל). דאָס נעמליכע זיינען היפּש פאַרשפּרייט ווערטער מיט די לאַט. סופיקסן: —טאָר (tor) אין אידיש

אָבער, אונטערן איינפלוס פון אַקצענט, גיסן זיי זיך צונויף מיט
די סופיקסן —ער: ד אָ ק ט ע ר, פּ אַ ק ט ע ר, אָ ר אַ=
ט ע ר, דעם אָ אַנטפלעקט ווידער די מערצאָל: ד אָ ק ט ױ=
ר ים אָ ר אַ ט אָ ר ן, ד י ר ע ק ט אָ ר ן.

װ אָ ר ט - ב ױ ג ו נ ג. 1. די וואָרט-בויגונג אין סובּ-
סטאַנטיוו איז אין יידיש געבליבן נאָר אין רעשטן, ווייל די
ענדונגען זיינען אָפּגעפאַלן. 2. לעבעדיג איז געבליבן די גע=
ניטיוו-ענדונג—ס (דער געניטיוו איז אין יידיש נאָר צוגעהע-
ריגקייטס-פאַל) און האָט זיך אויסגעשפּרייט (פּונקט ווי אין
ענגליש) אויף אַלע מינים אויף אַיינצאָל און מערצאָל: דעם
זונס, די זונס, דער מאַכטערס, די טעכטערס.
3. רעשטן פון דער en=ענדונג האָבן מיר אין: דעם הארצן,
דעם מענשן, דעם טאַטן, דער מאַמען (אָבער אויך
אַקוזאַט: די מאַמען). דעם ייִדן. צו די דאָזיקע ענדונגען קומט
אויך צו די געניטיוו-ענדונג: הארצנס, מענשנס, טאַטנס,
ייִדנס. 4. אין אַלע איבעריגע פאַלן ווערט דאָס קאַזוס-פאַר=
העלטעניש אויסגעדריקט נאָר דורכן באַשטימטן אַרטיקלען:
דער, דעם, דעם-מענליך; די, דער, די-ווייבל; דאָס,
דעם, דאָס=זעכל.

6, די מערצאָל ווערט געבילדעט דורך: א) —ן (—ען): יאָרן,
ווינטן, מאַגעו, פינגלען. ב)—ער: ברעטער, שטיי-
נער. ג)—ס: טמיינגעס, פּאָנעס, מעלערס, שניי-
דערס, טימענס, וואָלקנס. ד)—אומקלאַנג: העפ, הענ
גע נעמען, מיז. ה)—ער מיט אומקלאַנג: שטיבער-
הייזער, הערצער, רעדער. ו) אָהן ענדונג: פיש,

ריבּן, פּיינט, שטערן, שטוהל, ז)—ים אין העבר. און עטליכע אנדערע: כּדאַרים, נווירים, דאָקטוירים, פּריערים, נאַראָנים, טיוולאָנים אָדער טייוואָלים. ח)—ות אין העבר. שמחות, בּתּות, קולות, מעלות. ט)—אך אין פארקלענער.ווערטער: שטיינדלאך, גלעכלאך, פּיי- געלאך.



אַדיעקטיװ.

װאָרטבילדונג. סופיקסן אויף בילדן אַדיעקטיװן האָבן מיר אין יידיש: א)—יג (עפ״ר פון סובסט.): גליקיג, מוטיג, מילכיג. ב)—דיג: מוראדיג, בידעשדיג, ציינערדיג (האַרצעדיג, שפיציג און שפיצעכיג) ג)—עװדיג (שטאַמט פון דייטשן ־האַפטיג): ריזעװדיג, באַריידעװדיג, ביינעװדיג. ד)—יש: מענשיש, יידיש, רוסיש. ה)—ש: שניידעריש, מיידלש, גייערש. ו)—ן, (—ען): גאָלדן, זילבערן, ליװנטן. ז)—ליך: ערליך, פריילך, מיגליך. ח)—ליך צו אַדיעקטיװן אויף פאַרקלענערן: שװאַרצליך, גרויליך, געלבליך, לעבליך, פולבליך. ט) סלאַװ. פאַרקלענער.סופיקסן—ינק (—יטשק): קליינינק, אַלטינקע, װייסינקע (קליינטשק, אַלטיטשק).

װאָרט-בויאונג. 1. די אַדיעקטיװן װערן געברויכט פרעדיקאַטיװ און אַטריבוטיװ. אין ערשטן פאַל שטייען זיי מיט דעם שטאַם.ענד, אויב זיי װערן געברויכט אָהן אַרטיקל; מיטן אַרטיקל האָבן זיי מין און צאָל-ענדונגען: ער איז שיין, זי איז שיין, עס איז שיין, זיי זיינען שיין, אָבער: ער איז א, דער שיינער, זי איז אַ, די שיינע, דאָס איז א שיינס, דאָס איז דאָס שיינע (שיינס), זיי זיינען שיינע, די שיינע.

2. אַטריבוטיװ האָבן די יידישע אַדיעקטיװן באַהאַלטן

די אַלטע קאַזוס-ענדונגען, האָבן שטאַרק מאָדיפיצירט. דעק-לינירט ווערן די אדיעקס. לויט פאָלג. מוסטער.

אַיינצאָל

	מענל.	ווייבל.	זעכל.
נאָמ.	גוטער	גוטע	גוט (אָבער: דאָס גוטע)
גענ.	גוטן	גוטער	גוטן
דאַט.	גוטן	גוטער	גוטן
אקוז.	גוטן	גוטע	גוט (אָבער: דאָס גוטע)

מער צאָל

פאַר אַלע מינים

אין אַלע פאַלן: **גוטע.**


אָנמערקונגען 1. טייל זאָגן אויך: **דאס הייליג וואָרט, מיטן הייליג וואָרט,** אַלע מאָל: **מיט גרויס פרייד, איבער שטאַרק דאַכמאַנעס, פאַר גרויס כאַעס,**

2. נאָמ. אקוז. פון זעכל. אדיעקט., ווען עס שטייט אהן סוב-סטאנט. אָדער נאָך דעם סובסט. האָט די ענדונג—ס: **דאס גוטס. א יונגעלע א קליינס, דאס מעשהלע דאס שיינס.**

פ אַ ר ג ל ײ ך - ג ר אַ ד ן. 1. ד ע ר ק אָ מ פ אַ ר אַ ט י וו ווערט געבילדעט דורך דער ענדונג—ער. דער ס ו פ ע ר ל אַ ט י וו דורך—סט. ביי טייל אַדיעקטיוון ווערט אויך דער שטאַם-וואָקאַל אומגעביטן: **קלוג, קליגער, קליגסט; אלט, עלטער, עלטסט; גרויס, גרעסער, גרעסט; קליין, קלענער, קלענסט; שיין, שענער, שענסט..** פון פארשיידענע שטאַמען זיינען געבילדעט: **גוט,**

בעסער, בעסט, שלעכט, ערגער, ערגסט; פיל, מער, מערסט אָדער מין, מינסט (וואָל.)

2. פון די אָרט-אַדווערבן: אויסווייניג, אינעווייניג, אין מיטן, אינטן, אויבן, הינטן, פאָרנט, ווערן די געוועהנליכע אַדווערבן געבילדעט מיט דער סופּערלאַטיוו-ענדונג (אָנשטאָט דעם געוויינליכן קאָמפּאַראַטיוו): אויסווייניגסט, אינעווייניגסט, מיטלסט, אונטערשט, אויבערשט, הינטערשט, פאָדערשט (צו באַמערקן אויך די נייבילדונג עקסס). משמעות, אַן איבערזעצונג פון העברעאישן [illegible]יצון א. אז. וו., וואָס איז אייגענטלעך געוואָרן ווי דער כ[illegible]פּאַראַ-טיוו.



פּראָנאָמען.

פּ ע ר ס אָ נ אַ ל ע. 1. איך—מיר, מיך; מיר—אונז, אונז. 2. דו—דיר, דיך; איר—אייך, אייך (עץ, ענק—פּויל. גאַליצ.) 3. ער—אים, אים; זי—איר, זי; עס—דעם, דאָס; זיי—— ——; זיך (רעפלעקסיוו).

אַנמערק. רעשט פון אַמאָליגן געניטיוו אין דעם אויסדרוק: פּטור ווערן מיינער, דיינער, זיינער, אירער, אונזער, אייער, זייער.

פּ אָ ס ע ס י וו ע. 1. מיין, דין, זיין, אונזער, אייער, זייער—א ה ן קאַזוס-ענדונגען, ווען דאָס פּראָנאָמען שטייט פ אַ ר זיין סובסטאַנטיוו. אין מערצאָל אין אַלע פאַלן די ענדונג—ע.

2. מיינער, מיינע, מיינס א. אז. וו.—מיט קאַזוס-ענדונגען, ווי דאָס אַדיעקטיוו—ווען דאָס פּראָנאָמען שטייט נאָך זיין סובסטאַנטיוו איז עס זעלבשטענדיג (סובסטאַנטיוויש): פּאָטער מיינער, מאַמטער מיינע, קינד מיינס; ער איז מיינער... אונזערער...; זי איז מיינע... אונזערע; דאָס איז מיינס... אונזערס..

3. אַדיעקטיוויש זיינען: דער מייניגער, דייניגער, זייניגער, איריגער, אונזעריגער, אייעריגער, זייעריגער.

דעמאָנסטראַטיווע. 1. **דער, די, דאָס**, מערצ. די. געוויינלעך אָפּגעשוואַכט דעם באַשטימטן אַרטיקל, אָבער באַהאַלט די אָנווייזנדיקע קראַפט, ווען עס איז סובסטאַנטיוויש; דעמאָלט ווערט עס אין זאַץ אַקצענטירט: דער מענטש, להיפך צו יענעם; דאָס אָדער יענס. דאָס דאָזיגע פּראָנאָמען האָט אויך אַ געניטיוו-ענדונג (ווי אַ סובסטאַנטיוו): **דעמס**—פויגל. אין זעכל; **דערס**—ווייבל. און אַפילע **דים**—מערצאָל.

2. אַדיעקטיוויש און סובסטאַנטיוויש: **דער דאָזיקער די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע, יענער, יענע, יענס; אָט דער... אָט אָ דער... אָט דער אָ...**

אידענטיטעטס-פּראָנווייזער. 1) **אַזאַ** פאַר אַלע מינים און איינצאָל אָהן בויגונג. 2) **אַזעלכער, —ע, —ס** (אַזעלכענער<אַזעלך איינער. 3) **אַזוינער** (<אַזאַ איינער), ע—ס. 4) **אַזעטיגער, ע** (נאָר אין דער ליטע) 5) **דער זעלבינער... דער נעמליכער... דער איי גענער... איין און דער זעלביגער...** 6) אַלץ **איינער, —ע, —ס.**

באַשטימענדיגע **איטליכער, —ע, ס**-גאַליך ליבער) 2) **יעדער** אָדער **יעדערער, —ע, —ס.** 3) יעטוועדער אָהן בויגונג 4) אַיעדער (פּויליש, אפשר אין יעדער) 5) דער אַנדערער—ע, ס, אָדער אַנדער אָהן בויגונג. 6) אַנאַנד, איינער—ע,—ס דעם אַנדערן (רעציפּראָק).

7) עטליכע, 8) אייניגע, 9) פיל, אַפילע אַכאַ 10] אַלע (מיט אַלעמען, נאָך אַלעמען).

אומבאַשטימטע. **איינער—ע,—ס. מען, עמי־צער, עמיצן, עפּעס, עפּעס װאָס. װער, װאָס דיס זאָל (ניט) זיין... װאָסער עס איז. װער עס זאָל אַבי װער, װאָס.**

פאַרניינענדיגע. **קיין, קיין שום; קיינער קיין איינער, ניט איינער.**

פרעג־פּראָנאָמען. 1) װער? װאָס?— סובסט, פון װער: װעמעס (אָדער װעמענס) װעמען. 2) װעלכער,—ע,—ס; װאָסער? מערצ.: װאָסערע? יואָס פאַר אַ? (פויל. סאָריִנער,—ע?)— אַדיעקט. 3) װיפיל— אדיעקט. און סובסט.

רעלאַטיװע. דיזעלביגע. צום מיינסט געברויכט װאָס, װי אַ בינד־װאָרט, װי דיי איבערזעצונג פונם העבר. אַשר.

אדוועֶרב.

1) דאָס אַדוועֶרב דריקט אויס די פארשיידענע אומשטאַנדן פון דער פעולה אָדער אייגנשאַפט, ווי אָ ר ט, צ יי ט, אופן א. אז. וו. עס באַלייט דאָס ווערב אָדער אדיעקטיוו.

2. לויט דער בילדונג האָבן מיר אזעלכע מינים אַדוועֶרבן:

א) פון בייוועֶרטער—זיי קומען אין ריינעם אַדיעקטיוו - שטאַם: אָ ר ים, ג ו ט, מ ע נ ש י ש. ווי בייוועֶרטער, דאַבן זיי אויך פאַרגלייך-גראַד: ג ו ט, ב ע ס ע ר. ב) פון אַ נאָמען מיט אַ פּאָרוואָרט, ווי א וואָרט-צוזאמענזעצונג: א י נ ג אַ נ צ ן, ד ע נ ס ט מ אָ ל, צ ו ב י ס ל א ך. ג) צוזאַמענזעצונגען, וואָס זיינען שוין ביים היינטיגן צושטאנד פון דער שפראך ניט קענטיג, ווי אזעלכע, און ווערן אויפגענומען, ווי ריינע אדוועֶרבן: ה יי נ ט, נ ע כ ט ן, פ א ר אַ כ ט אָ ג ן, למזל . . . ד) ריינע אַדוועֶרבן, וואָס זייער נאָמינאַל-שורש איז שוין פון די עלטסטע צייטן ניט קענטיג: ד אָ, ד אָ ר ט, אַ ז ו י, ע ר ג ע ץ, אַ ר אָ פ, א ר יי ן . . . ה) צוזאַמענזעצונגען, וואָס זיינען אין יידיש געוואָרן צו די דעריוואַטע, ד. ה. איין טייל איז געוואָרן אַ סופיקס אָדער פרעפיקס. סופיקסן פאַר אדוועֶרבן האָבן מיר:—ווייז און—הייט; א פרעפיקס אין מ ע ש ה: ק ל יי נ ע ר ה יי ט, ג ר ו נ ט ע ר ה יי ט, ג אַ נ צ ע ר ה יי ט. . .; א יי נ צ י ג ו וי י ז, יי נ ג ל ו וי י ז, ב י ס ל אַ כ ו וי י ז; . . .; מ ע ש ה-מ ע נ ש, מ ע ש ה-ס ו ח ר, מ ע ש ה-פ א ר י ץ . . .

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג. דער סופיקס—ער-אין די אַדוו. געזונטערהייט . . . איז די אַלטע געניטיוו ענדונג.

ווערב.

1. דאָס ווערב דריקט אויס אַ געשעהן און איז דאָס שפּאַנדיגע עלעמענט אין זאַץ.

2. די ווערבן ווערן אַיינגעטיילט אין טראַנזיטיווע, אַקטיווע און אין אינטראַנזיטיווע, מעדיאַ. די אַקטיווע ווערבן בילדן נאָך פון זיך אַרויס פּאַסיווע, אין יידיש דורך אַרומשרייבן מיטן הילפסווערב „ווערן", און רעפלעקסיווע מיט „זיך".

3. וואָרט־בילדונג. א) אגרויסער טייל ווערבן זיינען שטאַמווערטער. אויך פון העברעאישע שרשים ווערן געבילדעט ווערבן פון ריינעם שורש: איך גזל, איך חזר, בטל, הולך... ב) סופיקס, אויף בילדן ווערבן האָבן מיר אַזעלכע: a) —ע— פון סלאַווישע אָדער העברעאישע שרשים: איך גריזע, דראַפּע, טשעפּע; גנבע, הלכע, טענע. b) —קע— (סלאַוו. Ka—) אויף קלאַנג־נאָכמאַכנדיגע און אנד.: אויקען, באַמקען, האַוקען, מעקען. c) —עווע— (סלאַוו. oBa) האָרעווען, האָדעווען, באַלע־באַטעווען, וואַנדרעווען. d) דעם דייטשן סופיקס —יר—: ברוקירן, שטודירן, מושטירן; מ׳הערט אַפילו: גאַלאָסירן, ד. ה. אָט דער סופיקס פאַרבייט דעם סלאַווישן —עווע—. ג) אַ היפּשע צאָל ווערבן ווערן געבילדעט פון די העברעאישע פּאַרטיציפּן פון אלע בנינים מיטן הילפס־ווערב זיין אקטיוו און מיט ווערן פּאַסיוו: פּועל זיין, מקנה זיין, מפצה זיין, מרחם זיין, מודה זיין; נעלם ווערן, מושוה ווערן,

נ ת פ ע ל ווערן; מ ת פ ל ל זיין, ז י ך מ ת ו ד ה ז יי ן. ד) די גרעסטע טייל בילדונגען זיינען מיט פרעפיקסן. פרעפיקסן קומען צו צו אַלע קאַטעגאָריעס ווערבן. כוץ דער פון פונקט ג. די פרעפיקסן בייטן איבער דעם באַטייט פונם ווערב.

די פרעספיקסן זיינען צווייערליי. א) ריינע פרעספיקסן וואָס האָבן זייער זעלבשטענדיגן אינהאַלט אינגאַנצן אָנגעוואָרן: אַ נ ט—, ב א—, ד ע ר— פ אַ ר—, צ ע—. ב) אַזעלכע, וואָס האָבן זייער זעלבשטענדיגן אינהאַלט און ווערן אויך געברויכט אָפּגעטיילט פונם ווערב: אַוועק, אויס, אויף, אומ—, אונטער, איבער, איין, אָן, אַנידער, אַנטקעגן, אָפּ, אַפער, אַראָפּ, דורך, מיט, נאָך, פיר, פאָראויס, פאַרביי, פונאַנדער, צו, צוריק, צוזאַמען, צונויף, ביי די האָבן מיר: איינגיין, און גיי איין, אומגיין און גיי אום, פירזאָגן און זאָג פיר א. אז. וו.

וואָרטבויגונג. 1. די כאַראַקטעריסטישע בויגפאָרם פאַרן ווערב איז די צייט; דערפאַר קאָן עס איך הייסן צייטוואָרט. פון צייטן בילדעט יידיש נאָר דעם פרעזענס אָדער הוה. די פערזאָנען ענדונגען גייען לויט כּלל. מוסטער

איינצאָל

1	איך	שרייב —	ריינער שטאַם
2	דו	שרייב—סט	
3	ער, זי, עס, שרייב—ט		

מערצאָל:

1	מיר	שרייב — ן
2	איר	— — ט
3	זיי	— — ן

אָנמערק. a. געוויסע אייגנטימליכקייטן ווייזן אַרויס די הילפס־צייטווערטער:

איך	האָב	
דו	האָסט	(אסימילאַציע פון שטאם קאָנסאָ. צום ס)
ער	האָט	(אסימילאַציע)
מיר	האָבן	
איר	האָט	(אסימילאַציע)
זיי	האָבן	
איך	בין	(פון אַן אַנדער שטאַם)
דו	ביסט	(אויך בינסט)
ער	איז	
מיר	זיינען	(אָדער זענען)
איר	זייט	(אָדער זענט)
זיי	זיינען	(זענען).

b. אייניגע הערבן [צו] ביי ראוו אונזכע וואָס דינען אויך ווי הילפס־ווערבן) בילדן אויך די דריטע פערזאָן אָהן ט בעזונ־ טיש, דאָס זיינען: וואָלן, קאָנען, מעגן, טאָרן, ווייסן, (ער הייסט), ווערן (ער וויל), קענען, דאַרפן, און וואָל, אויך פלעג.

c. דאָס שטאַם־וואָקאַל ביים געבן: איך גיב, דו גיסט, ער גיט, מיר גיבן איר גיט, זיי גיבן.

2. די איבעריגע צייטן ווערן אין יידיש „אַרומגעשריבן", אויסגעדריקט דורך הילפס־צייטווערטער: א) דער פּרעטעריטום, עבר, דורך דעם פּרעזענס פון האָבן אָדער זיין מיט פּאַרטיציפּ 2: איך האָב געשריבן, איך בין געשטאַנען. ב) דער פוטורום, עתיד, דורך אַ ספּעציעל אויסגעבילדעטן הילפס־צייטוואָרט מיט אינפיניטיוו: איך וועל, דו וועסט, ער וועט, מיר וועלן, איר וועט, זיי וועלן שרייבן, (מסתמא געוואָרן פון א צונויפגיסונג פון ווערן און וועלן).

אָנמערקונגען. a) דער יידישער פּרעזענס פאַרטרעט סיי די היסטאָרישע צייט, סיי די פאַרענדיגטע, סיי די ניט־פאַרענדיגטע.

b) דער דייטשער אימפּערפעקט, וואָס באַגעגנט זיך נאָך אין עלטערע דענקמעלער: זאַך, געשאַך (פון זעהן, געשהן), איז איצט אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

c) אין יידיש קען אויך געברויכט ווערן א פּלוסקוואַמפּערפעקט: איך האָב געהאַט געשריבן. און א פוטורום 2 איך וועל געשריבן האָבן.

3. מאָדוסן האָבן מיר אין יידיש: א) אינדיקאַטיוו (אויבן באַשריבן), ב) קאָנדיציאָנאַלעס — אַרומגעשריבן דורך אַ הילפס־צייטוואָרט: איך וואָלט, דו וואָלסט, ער וואָלט; מיר וואָלטן, איר וואָלט, זיי וואָלטן (אַלטער אימפּערפ. קאָניונקט.) מיט אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ: איך וואָלט שרייבן, איך וואָלט געשריבן אָדער דורך זאָלן מיט אינפיניטיוו. ג) אינפיניטיוו, ד) אימפּעראַטיוו, געבילדעט מיט פאָלג. מוסטער.

אײנצאל: ש ר ײ ב (שטאם)

מערצאל: ש ר ײ ב—ט.

אנמערק.: דער סוביעקטיוו איז אין יידיש פאר־שוואונדן.

4. פארטיציפן בילדעט יידיש צוויי: א) פארטיציפ I מיט דער ענדונג— נ ד י ג נאכן שטאם. ער האט אקטיווע באַדייטונג און דינט פאר פרעזענס.

ב) פארטיציפ II ווערט געבילדעט מיטן פרעפיקס ג ע— און ענדונג—ט: ג ע ל ע ב ט, ג ע־ז אָ ג—ט (שוואכע ווערבן) אָדער מיטן פרעפיקס ג ע—, ענדונג—ן און בייט פון שטאם וואָקאַל און אַמאָל אויך קאָנסאָנאַנט: גע— ש ר י ב—ן, ג ע—ש פּ א נ—ע ן, ג ע— גאַנג— ע ן. ווען דער פּאַרטיציפּ II איז זעלבשטענדיג, האָט ער פּאַסיווע באַדייטונג, צייט— פרע־טעריטום.

דער פּאַסיוו פון אַלע ווערבן ווערט ארומגעשריבן דורך דעם פּאַרטיציפּ און דעם הילפס-צייטוואָרט ווער'ן: א י ך ו ו ע ר, ד ו ו ו ע ר ס ט, מ י ר ו ו ע ר ן, א י ר ו ו ע ר ט, ז יי ו ו ע ר ן ג ע ל ו י ב ט. דעמאָלט פאַר־מאָגט ער, פאַרשטייט זיך, קיין צייט-עלעמענט ניט. ביים באַ־שרייבן דעם פּרעטעריטום האָט ער זיין צייט-באַדייטונג, אָבער ניט די פּאַסיוו-באַדייטונג. ביים באַשרייבן דעם קאָנדיציאָנאַל האָט ער שוין ביידעס ניט.

5. לויט דעם וואָקאַל פונם פּאַרטיציפּ II קאָנען די שטאַר־קע ווערבן איינגעטיילט ווערן, אין [illegible] קלאַסן:

א) רעי אָ-קלאס: a) אינפיניט. י :

ש ל י ס ן — געשלאָסן, ג י ס ן

ש י ס ן — געשאָסן, פ אַ ר ד ר י ס ן

פ ל י ס ן, ק ר י כ ן

נ י ס ן, ק ר י ג ן (אויך געקריגן)

ג י ל ט ן - געגאָלטן

ש י ל ט ן

ש י ט ן

פ א ר ל י ר ן - פארלאָרן (פארלוירן)

ז י ד ן — געזאָטן (געזאָרן)

פ ר י ר ן - געפראָרן (געפרוירן)

b) א י נ פ י נ י ט — ע (אַ):

ט ר ע פ ן — געטראָפן

ה ע ל פ ן — געהאָלפן

מ ע ל ד ן — געמאָלדן

וו ע ר ג ן — (וואַרגן) געוואָרגן

ק וו ע ל ן

ט ר ע ט ן געטראָטן (געטרעטן)

ש ע ר ן - געשאָרן (געשוירן)

מ ע ל ק ן — געמאָלקן

וו ע ט ן — געוואָטן

ד ר ע ש ן — געדראָשן

ק נ ע ט ן

ב ר ע כ ן

ל ע ש ן

ש ר ע ק ן

אָ פ ש פ ר ע כ ן

ב א ר ש ט ן — געבאָרשטן

פ א ר ד אַ ר ב ן — פאַרדאָרב

ש ט אַ ר ב ן - געשטאָרבן

ש פ א ל ט ן — געשפאָלטן.

C) איינפין. אָ

טראָגן געטראָגן	שראָפן — געשלאָפן
שלאָגן	אָנבאָטן
מאָלן — געמאָלן	באָדן — געבאָדן
לאָדן —	צוואָגן — געצוואָגן (געצוואָגט)
לאָזן — געלאָזן (געלאָזט)	טון — געטאָן
פאַרבאָרגן פארבארגן	ליפן — געלאָפ

ב) וי — קלאס.

פליהען — געפלויגן, ציהען — געצויגן,

וועגן — געוואויגן, הויבן געהויבן,

ליכסן געליכטן, שטויסן געשטויסן.

זויגן — געזויגן און געזויגט.

ג) אַ — קלאס.

האלטן געהאַלטן, באַקן געבאַקן

פאַנגען געפאַנגען, זאַלצן געזאלצן

וואַקסן געוואַקסן, פאַלן געפאַלן

הייבגען געהאַנגען, בייזן געגאנגען

שטייןן געשטאַנען

ד. ע — קלאס

בעמען — געבעטן, בעפעלן — געפעלן

זעהן—געזעהן, געבן געגעבן

עסן-געגעסן, געשעהן געשעהן

ליגן—געלעגן, זיצן געזעסן

ה. י — קלאַס, אינפינ. יי

קלייבן, בלייבן, טרייבן, שרייבן, ליידן,—(געליטן), רייבן, בייטן רייטן, שמייסן, בייסן, שרייען, שפייען (אויך געשפּיגן), רייסן, שניידן,—געשניטן, קנייפּן געקניפּן און געקנייפּט, בייסן, ווייזן, שווייגן, מיידן-געמיטן אויס געמייד.

אָנמערק. שטייגן האָט אין יידיש געשטייגט

ערשיינען —. ערשיינט

שטרייכן—געשטרייכט (אויך געשטראָכן)

ווייכן—געווייכט.

ו. ו.—קלאַס (אינפינ. י)

זינגען, טרינקען, פאַרגינען, לינקען, שינדן, הינקען, שטינקען, לינקען, ווינקען, שלינגען, דינגען, דרינגען, צינדן, בינדן, רינען, בילן, געפינען, שווימען, אויך וויסן, געוואוסט.

אָנמערקונג צו די העבּרעאישע ווערבן.

די ווערבן, וואָס זיינען געבילדעט פון העברעאישע פאר-טיציפּ מיט זיין, האָבן אין פּרעטעריטום דאָס הילפס-ווערב האָבן מיטן פּאַרטיציפּ 2 פון זיין געווען; איך האָב מוידע געווען, איך האָב אויקער געווען, ער האָט זיך מראַכעם געווען.

פרייז 30,000 רובל.



מלוכע-פארלאג פון ווײסרוסלאנד

מינסק.

Гиз № 341—10,000

1 Сов. тип. зак 9/3